# *Part One: 1937*

# 1

In 1937, I returned to Bialystok, seven years after I had been a student in the Novaredok Yeshiva of the Musarists, a movement that gives special importance to ethical and ascetic elements in Judaism. When I came back, I found many of my old school friends still there. A few even came to the evening when I spoke. Others visited me secretly; they did not want the head of the yeshiva to know. I could see on their scruffy faces that their poverty had brought them suffering and that the fire of their youthful zeal had slowly burned itself out. They continued to observe all the laws and customs meticulously, but the weariness of their spiritual struggles lay upon them. For years they had tried to tear the desire for pleasure out of their hearts, and now realized they had lost the war with themselves. They had not overcome the evil urge.

I also met some who had grown more pious in the interim, more serious and reclusive. I was mistaken to have expected that in Musarist style they would try to "tell me off." They didn't berate me. Some were friendly, trying to avoid argument, and others sighed over me regretfully, as someone who had gone astray.

There was someone I kept looking for and did not find: my former close friend Hersh Rasseyner. He was a pitch-dark young man with

bright, downcast eyes, always sunk in thought, stern and taciturn. Only when he rocked back and forth over *Duties of the Heart* could you hear the anguished misery of his voice. There were reports that in his zealous study of Musar he had smashed all the lecterns in the study-house. He did not turn up; I heard that he kept to his garret in isolation and did not even come to the yeshiva.

One day we met unexpectedly in the street. He was walking hurriedly with his head down, as is the custom with the Novaredok students who do not wish to be "eye to eye" with the world. But he saw me anyway. He put his arms behind his back and tucked them deeper into his sleeves so that he would not have to shake hands. The closer he came, the higher he lifted his head. When we finally stood face to face, he looked at me intently. He was so agitated his nostrils quivered – but he kept silent.

Among the Musarists when you ask, "How are you?" the question means, "What is the state of your Jewishness? Have you advanced spiritually?" But I wasn't thinking of that, and simply asked, "Hersh Rasseyner, how are you?"

In the yeshiva, students were called by the town they came from.

Hersh moved back a little, looked me over from head to toe, and seeing that that I was nicely dressed, retorted with a sneer, "And how are *you*, Chaim Vilner? My question is the more important."

I felt my lips trembling and I answered hotly, "Your question, Hersh Rasseyner, is no question at all. I do what I have to do."

Without taking his arms from behind his back, Rasseyner took another step away from me and right there in the middle of the street he shouted in my face: "Do you think that by running away from the yeshiva you have saved yourself? You surely know the saying among us: Whoever has learned Musar can have no enjoyment in his life. Chaim Vilner, you will remain a cripple. You will be deformed for the rest of your life. You write godless verses and they pinch you on the cheek for it like a heder child. To add to the blasphemy, you come to spread your godlessness in the very city where you once studied. Now they're stuffing you with praise as they stuff a goose with grain, and spoil you like an only child! But later you'll see, when you've begun to go to the school of those pork-eaters, oh, won't they beat you! Oh, how they'll whip you! Which of you isn't hurt by criticism? Is there really one of you so self-

confident that he doesn't go around begging for words of approval? Is any one of you prepared to publish his book anonymously? The main thing for you people is that your name should stand on the cover, at the very top! You have traded in our *menuḥas hanefesh,* our tranquility of spirit, for what? For lusts that you will never satisfy, for doubts that you will never resolve no matter how much you suffer. Your writings will make no one better and will make you worse. I have heard that your pamphlet, your excuse for a book, is called *Yes*. But I tell you, 'No!' Do you hear me, Chaim Vilner? – 'No!'"

Having said his piece, Hersh Rasseyner began to walk away with a quick energetic stride. But I had once been a Musarist too, so I ran after him.

"Hersh, now you listen to *me*. No one knows better than I how torn you are. You're proud of yourself because you don't care that people laugh at you for wearing *tsitsis* down to your ankles. You talked yourself into believing that your linen prayer-vest is a fiery partition separating you from the world. You hang on to your fringes like a drowning man to a rope – but it doesn't help you swim against the current. You humiliate yourself because you are afraid that the world, like Potiphar's wife, may find you attractive, and that unlike the righteous Joseph you won't have the strength to tear yourself away. So you flee from temptation and think the world will run after you. But when you see that the world doesn't run after you, you get angry and cry out: 'No one enjoys life.' You want to console yourself with that idea. When you go off to your solitary garret it's because you would rather have nothing at all than take the crumb that the world throws you. Your modesty is really pride – not self-denial.

"And where did you get the idea that I left to seek pleasure? I was looking for a truth that you don't have. For that matter, I didn't run away, I simply returned to my street – to Vilna's Butchers' Street. You think you're flaying me because you scream 'No!' in my face for a book I wrote called *Yes*. You don't understand that I myself say 'No' to the world as it is. And yet, I force myself to say 'Yes' because I believe in my street. I love the porters with their backs broken from carrying their loads; the artisans sweating at their workbenches; the market-women who work their fingers to the bone to give a poor man a piece of bread. But you scold the hungry for being sinners and all you can tell them is to repent.

You laugh at people who work and do business – because you say they don't trust in God. But you live on what those exhausted women labor to bring you and in return you promise them – the world to come. Hersh Rasseyner, you have long since sold your share of the world to come to those poor women."

Hersh Rasseyner gave a start and disappeared. I returned to Vilna relieved of a burden. In my disputation with the Musarist I myself began to understand why I had left them. I told myself that if, at the time, I didn't know why I was leaving and where I was going, someone else had thought it out for me, someone inside me and stronger than me. That stronger someone was – my generation and my surroundings.

פֿאַר וואָס איך גיי אַוועק און ווו איך גיי, האָט עס געטאָן אַן אַנדערער, אַ שטאַרקערער פֿון מיר – אין מיר גופֿא. דער אַנדערער און שטאַרקערער פֿון מיר – דאָס איז מײַן דור און מײַן סבֿיבֿה.

איינער וואָס טרינקט זיך האַלט זיך אָן אַ שטריק, נאָר דאָס העלפֿט אײַך ניט צו שווימען קעגן שטראָם. איר זײַט זיך אַליין מבֿזה, ווײַל איר האָט מורא טאָמער וועט איר געפֿעלן דער וועלט, דער פּוטיפֿערען, און איר וועט ניט האָבן קיין כּוח זיך אַרויסצורײַסן ווי יוסף הצדיק. דעריבער אַנטלויפֿט איר פֿון נסיון און מיינט, אַז די וועלט וועט אײַך נאָכיאָגן. נאָר ווען איר זעט, אַז די וועלט יאָגט אײַך פֿאָרט ניט נאָך, ווערט איר בייז און שרײַט: קיינער האָט ניט קיין הנאה פֿון זײַן לעבן. איר ווילט זיך מיט דעם טרייסטן. און גייט איר אַוועק אין בדידות אויף אַ בוידעם, איז דאָס ווײַל איר ווילט זיך בעסער אָפּזאָגן אין גאַנצן — איידער אָננעמען אַ ברעקל, וואָס די וועלט וואַרפֿט אײַך צו. אַזאַ איז אײַער עניוות, ס׳איז גאווה און ניט קיין פּרישות.

און ווער האָט עס אײַך געזאָגט אַז איך בין געגאַנגען זוכן הנאָות? איך בין געגאַנגען זוכן אַן אמת וואָס איר האָט ניט. און אייגנטלעך בין איך אין ערגעץ ניט אַוועק, איך בין בלויז צוריקגעקומען צו מײַן גאַס — צו ווילנער יאַטקעווער גאַס. איר מיינט אַז איר ציט אַראָפּ פֿון מיר די הויט, איך האָב אָנגעשריבן אַ בוך ״יאָ״ און איר שרײַט מיר אין פּנים — ניין! איר באַנעמט ניט, אַז איך אַליין זאָג אויפֿן סדר פֿון דער וועלט — ניין! און פֿונדעסטוועגן בין איך אויף זיך גוזר צו זאָגן — יאָ! ווײַל כ׳גלייב אין מײַן גאַס. איך האָב ליב די טרעגער וואָס האָבן איבערגעבראָכענע רוקנס פֿון שלעפּן משׂאות; די בעל־מלאָכות, וואָס גיסן זיך אָפּ מיט שווייס בײַ די וואַרשטאַטן; די מאַרק־זיצערקעס וואָס פֿאַרשנײַדן זיך די פֿינגער אַבי צו געבן אַן אבֿיון אַ מוציא ברויט. אָבער איר מוסרט די הונגעריקע אַז זיי זײַנען זינדיק און איר הייסט זיי — תּשובֿה טאָן. פֿון די וואָס אַרבעטן און האַנדלען — לאַכט איר, ווײַל זיי פֿעלט בטחון. נאָר איר אַליין לעבט פֿון פֿאַרטיקן וואָס פֿאַרהאָרעוועטע ווײַבער ברענגען אײַך און דערפֿאַר זאָגט איר זיי צו — יענע וועלט. הערש ראַסיינער, איר האָט שוין לאַנג פֿאַרקויפֿט אײַער עולם הבא די אָרעמע ווײַבער.

הערש ראַסיינער איז פֿון מיר אָפּגעשפּרונגען און פֿאַרשוווּנדן. איך בין צוריק געפֿאָרן קיין ווילנע אַן אויסגעלאָדענער. אין קריג מיטן מוסרניק איז פֿאַר מיר אַליין קלאָר געוואָרן פֿאַר וואָס איך בין אַוועק פֿון בית־מדרש. אויב איך, האָב איך זיך געזאָגט, האָב פֿריִער ניט געטראַכט

דער ראַסיינער האָט ניט אַרויסגעצויגן די הענט פֿון די אַרבל הינטער זײַן רוקן, נאָך ווײַטער פֿון מיר זיך אָפּגערוקט, און מיט אַ געשריי אין מיטן גאַס מיר געשניטן גלײַך אין פּנים:

– איר מיינט, חיים ווילנער, אַז אויב איר זײַט אַנטלאָפֿן פֿון בית־מדרש, האָט איר זיך געראַטעוועט? איר ווייסט דאָך וואָס מען זאָגט בײַ אונדז: דער וואָס האָט געלערנט מוסר וועט קיין הנאה פֿון זײַן לעבן מער ניט האָבן. איר וועט בלײַבן אַ בעל־מום, חיים ווילנער. אַ קאַליקע וועט איר פֿאַרבלײַבן אויף אײַער גאַנץ לעבן. איר שרײַבט אַפּיקורסות אין גראַמען און מען קנײַפּט אײַך דערפֿאַר אין בעקל ווי אַ חדר־ייִנגל. דער חילול־השם זאָל זײַן נאָך גרעסער, זײַט איר געקומען דרשענען אײַער אַפּיקורסות דווקא אין דער שטאָט ווו איר האָט געלערנט. דערווײַל שטאָפּט מען אין אײַך כּבוד, ווי אין אַ גאַנדז – קאַשע, און מען צאַצקעט זיך מיט אײַך, דעם בן־זקונים! אָבער איר וועט זען שפּעטער ווען איר וועט נעמען גיין אין חדר צו די טרייפֿניאַקעס. אוי, וועט מען שמײַסן! וועמען פֿון אײַך קרענקט ניט קיין בקורת? ווער איז דען פֿון צווישן אײַך באמת אַזוי שטאַרק ער זאָל ניט בעטלען קיין הסכּמה אויף זיך? ווער פֿון אײַך איז גרייט אַרויסצוגעבן זײַן ביכל אָן זײַן נאָמען? דער עיקר איז דאָך בײַ אײַך דער נאָמען זאָל שטיין פֿון אויבן. נאָר פֿון אויבן! אונדזער מנוחת הנפֿש האָט איר אויסגעביטן אויף תּאוות וואָס איר וועט ניט דערגרייכן, אויף ספֿקות וואָס איר וועט, נאָך אַ סך יסורים, ניט פֿאַרענטפֿערן. אײַער שרײַבן וועט קיינעם ניט מאַכן בעסער, און אײַך וועט עס מאַכן ערגער. איך האָב געהערט, אַז אײַער ביכל, אײַער ספֿר־פּראַלניק הייסט ״יאָ״. אָבער איך זאָג אײַך – ניין! איר הערט, חיים ווילנער? – ניין!

אָפּגעזאָגט דאָס זײַניקע, האָט הערש ראַסיינער גענומען ענערגיש אַוועקשפּאַנען מיט גיכע טריט. אָבער איך בין אויך געווען אַ מוסרניק, האָב איך אים אָנגעיאָגט:

הערש, איצט הערט איר – מיך. ווער ווייס נאָך אַזוי גוט ווי איך ווי צעריסן איר זײַט. איר גרייסט זיך מיט דעם, אַז איר ווערט ניט נתפּעל ווען די גאַס לאַכט פֿון אײַך וואָס איר טראָגט ציצית ביז די פּיאַטעס. איר רעדט זיך אײַן, אַז דער לײַוונטענער טלית־קטן איז אַ פֿײַערדיקע מחיצה צווישן אײַך און דער וועלט. איר האַלט זיך בײַ די ציצית ווי

בחור מיט גלייִקע אַראָפּגעלאָזטע אויגן, שטענדיק פֿאַרזונקען אין מחשבֿות, אַ שטרענגער און פֿאַרטיפֿטער שווייַגער. בלויז ווען ער האָט זיך געשאָקלט איבערן "חובֿת הלבֿבֿות" האָט מען געהערט זייַן פֿאַרווייטיקטע מרה־שחורהדיקע שטים. מען האָט אויף אים געזאָגט, אַז ער האָט צעבראָכן אַלע שטענדערס אין בית־מדרש בייַם לערנען מוסר מיט התפּעלות. אים האָב איך ניט באַגעגנט. געהערט האָב איך, אַז ער זיצט אויף אַ בוידעם, פּראַוועט התבודדות און קומט אַפֿילו ניט אין ישיבֿה.

איין מאָל איז ער אומגעריכטערהייט מיר אַנטקעגן געקומען אויף דער גאַס. ער האָט אײַליק געשפּרייַזט, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווי דער שטייגער איז בייַ די נאָוואַרעדקער וואָס ווילן ניט בלייַבן "אויג אויף אויג" מיט דער וועלט. דאָך האָט ער מיך באַמערקט. האָט ער פֿאַרלייגט די הענט אויף אַהינטער און זיי פֿאַררוקט אין די אַרבל, ער זאָל מיר ניט דאַרפֿן געבן קיין שלום. וואָס נעענטער ער איז געקומען צו מיר, האָט ער אַלץ העכער אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ. ווען מיר זייַנען געשטאַנען פּנים אל פּנים, האָט ער מיך שאַרף אָנגעקוקט. ער האָט אַזש געפּאָכעט מיט די נאָזלעכער פֿון אויפֿרעגונג — און געשוויגן.

בייַ די נאָוואַרעדקער אַז מען פֿרעגט: וואָס מאַכט איר? מיינט עס: ווי האַלט איר אין יִדישקייט? צי זייַט איר געשטיגן אין רוחניות? איך אָבער האָב פֿון דעם ניט געקלערט און גאַנץ פּשוט אַ פֿרעג געטאָן:

— הערש ראַסיינער, וואָס מאַכט איר?

אין ישיבֿה פֿלעגט מען זיך רופֿן נאָך דער שטאָט פֿון וואַנען מען קומט.

הערש האָט זיך אָפּגערוקט אַהינטער, מיך באַטראַכט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, דערזען אַז איך בין אויסגעפּוצט, האָט ער זיך מיט ביטול אַ קרים געטאָן, און שטרענג געענטפֿערט:

— און וואָס מאַכט איר, חיים ווילנער? מייַן קשיא איז דאָך אַ גרעסערע?

איך האָב דערפֿילט ווי מיר ציטערן די ליפּן און איך האָב אים הייס געענטפֿערט:

— אייַער קשיא, הערש ראַסיינער, איז קיין קשיא ניט. איך טו דאָס וואָס איך דאַרף טאָן.

# א

אין נײַנצן זיבן־און־דרײַסיק בין איך געקומען קיין ביאַליסטאָק, אין דער שטאָט וווּ איך האָב אין נײַנצן דרײַסיק געלערנט אין דער ישיבֿה פֿון די נאָוואַרעדקער מוסרניקעס. איך האָב דאָרט געטראָפֿן נאָך פֿיל פֿון מײַנע ישיבֿה־חבֿרים. עטלעכע זײַנען אַפֿילו געקומען אויפֿן אָוונט וווּ איך בין אַרויסגעטראָטן. אַנדערע האָבן מיך באַזוכט געהיים, דער ראָש־ישיבֿה זאָל ניט וויסן. איך האָב געזען אויף זייערע פֿאַרוואָקסענע פּנימער אַז זיי לײַדן פֿון זייער אָפּגעריסענעם הילוך. זייער יוגנטלעכע התלהבֿות האָט דורך דער צײַט אויסגעברענט. כאָטש זיי האָבן פֿרום אָפּגעהיט אַלע דינים און מנהגים, איז אויף זיי געלעגן די מידקייט פֿון שווערע גײַסטיקע ראַנגלענישן. זיי האָבן יאָרן־לאַנג געפּרוּווט אַרויסרײַסן פֿון זיך דעם חשק צו די תּענוגים פֿון לעבן, און שפּעט זיך אַרומגעקוקט, אַז די מלחמה מיט זיך אַליין איז אַ פֿאַרשפּילטע. זיי זײַנען דעם יצר־הרע ניט בײַגעקומען.

איך האָב באַגעגנט אויך אַזעלכע וואָס זײַנען דורך דער צײַט געוואָרן נאָך פֿרימער, ערנסטער און פֿאַרשלאָסענער. אומזיסט האָב איך זיך געריכט, אַז זיי וועלן, לויטן שטייגער פֿון די מוסרניקעס, מיר שאַרף "אַרײַנזאָגן". זיי האָבן מיך ניט געשטראָפֿט. טייל זײַנען געווען מיט מיר פֿרײַנדלעך, נאָר אויסגעמיטן אַרײַנצולאָזן זיך אין אַ וויכּוח, און טייל האָבן מיט באַדויערונג געקרעכצט און געקוקט אויף מיר ווי אויף אַ פֿאַרלאָרענעם.

איינעם האָב איך די גאַנצע צײַט אַרומגעזוכט און ניט געטראָפֿן, מײַן געוועזענעם חבֿר הערש ראַסיינער. ער איז געווען אַ פּעכיק־שוואַרצער